# זון פֿון מײַן מוטער

געווידמעט שטאַב-סאַרדזשענט ווילִיאַם קראָקעטן, געפֿאַלן דעם8טן ... באָמבאַרדירנדיק די נאַציס איבער פֿראַנקרײַך

זון פֿון מײַן מוטער, ברודער
ווי ליב געהאַט האָסטו געזאַנג,
פֿויגלען און בליונג,
גאָטס געשאַנק.

וועל איך אויף אַ רגע
פֿאַרדעקן די ווונדן
וואָס נאָגט מיר דאָס האַרץ און וואָס קלעמט
כ׳וועל זינגען פֿון ליכטיקע טעג
וואָס זײַנען געוואָרן מיר פֿרעמד.

כ׳וועל זינגען פֿון צוויטן וואָס שפּראָצן,
פֿון קווייטן פֿון רויטע, וואָס פֿלאַמען
פֿון קלאָרע, פֿון בלוט-ריינע קוואַלן,
פֿון פֿרײַע הימלען און ימים.

איך וועל זינגען פֿון טעג וועלכע קומען
באַדופֿטע פֿון פֿרילינגס בלי.
אמת,
עס זויגט נאָך די ערד מענטשלעך בלוט,
און לוסטיק זײַן איז נאָך צו פֿרי.

דײַן חבֿר קעמפֿט נאָך אין די רייען,
זײַן זיג איז אָבער זיכער,
און ס׳וועט לאַנג ניט נעמען
ברודער, אין הימל פֿיל
די ווערטער וואָס זידן און ברענען.

קינדערלעך קליינע וועלכע דו האָסט געליבט,
מיט פֿלאַמען פֿון פֿאָטער-געפֿילן,
וועלן אויף די פֿעלדער פֿון איצטיקן שלאַכט
ווידער זאָרגלאָז זיך שפּילן,

אונטער אַ הימל לויטער און העל,
אויף בערגלעך פֿון סאַמעט פֿון ריינעם,
און ווו איך וועל שטעלן
מײַן אייגענעם שטעל,
זען וועל איך, ברודער, דיך איינעם.

מיט ליכטיקע אויגן, געלעכטער אין זיי,
אָן טרערן ביסט ערגעץ אין ווײַטן,
און זינגען וועל איך
און די וועלט מיט מיר
אַזוי ווי אַמאָליקע צײַטן.